א גרויסארטיקער קיסר מיט א געוואלדיקער יידישער ארמיי . . . דער דאזיקער קיסר איז נאך קיין שום נידעריקן פארברעכן נישט באגאנגען. קיין שום לעבעדיקער בירגער איז, חלילה, נישט אומגעבראכט געווארן אין זיינע מלחמות. ער האט נאך קיינמאל נישט פארטריפט קיין טראפן מענטשלעך בלוט. דאס איז דער סאמע הארטסטער קעניג פון אלע פעלקער אין גאר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט . . .

## חנה און נטע קאופמאן

מיר דאנקען אלע אונזערע פריינט און די חברים פון בונד פאר זייערע באגריסונגען לכבוד אונזער גאלדענע חתונה. ביי דער געלעגנהייט באשטייערן מיר זיך מיט 5 פונט פאר „לשון און לעבן״. חנה און נטע קאופמאן

די רעדאַקציע באטייליקט זיך אין די באגריסונגען ווינטש די פריינט חנה און נטע קאופמאן : „עד מאה ועשרים שנה״.


## אייער האלידעי אדער קאנוואלעסענס

קענט איר האבן

אין דער **רעסט - האום** פון ארבעטער־רינג אין ליטלהעמפטן

דאס הויז האט מען ווידער געברענגט אין בעסטער ארדנונג

מיט פריוואטע צימערן

ווענדט אייך צום

Apply: Phone: AMHurst 1103

General Secretary,
Workers' Circle Friendly Society,
13, Sylvester Path,
Hackney, London, E.8.

---

## „די אידישע שטימע״

**די איינציקע וואכנצייטונג אין דער אידישער שפראך אין דעם לאנד.**

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804


---

## יידיש ליטערארישע שבת-נאכמיטאגס

**אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראַן סעטלמענט א.1. — 3 אזייגער**

שבת, דעם 13/סטן אפריל חול מועד פסח — ווי אלע יאר די טראַדיציאָנעלע פרץ־יאָרצייט — עס באטייליקן זיך י. ביעטש, מ. מינדעל, נעט רובין, אייזיק גאלדבערג און מאיר באגדאנסקי.

שבת, דעם 20/סטן — לייענען פון חורבן ליטעראַטור.

שבת, דעם 27/סטן — געווידמעט דעם יידישן פאָלקס ליד.

241

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


נומער 5־6 (העפט 80־379) פיר און צוואנציקסטן יאָר מאי־יוני 1963 לאָנדאָן


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:


אונזער יידישע אחריותדקייט ........ ** 1

חסידיזם (יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע) ........ י. ריכטיגער 3

„פוסיקינס״ די קאץ (דערציילונג) ........ י. ביעטש 5

א פיקניק אין עפינג פאָרעסט (סקיצע) ........ דוד בערמאַן 9

שלמה אויערבאך ז״ל ........ ש. י. האַרענדאָרף 11

שלמה אויערבאכ׳ס באציאונג צו יידיש ........ אייזיק גאלדבערג 13

אַ טאָרטור־טור (א טאג־בוך אין גראַם אין ליד) ........ א. נ. שטענצל 14

יצחק בן צבי (נעקראלאג) ........ עלי זילבערג

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאג ........ 50



## „די אידישע שטימע״

**די איינציקע וואכנצייטונג אין דער אידישער שפראך אין דעם לאנד.**

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804



פרייז 2 שילינג

אבאָנאַמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר א יאר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS, COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by A. N. STENCL, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

עלי זילבערג

## יצחק בן צבי ז״ל

צוזאמען מיט כל ישראל באדויערן מיר דעם טויט פון ישראל׳ס פרעזידענט יצחק בן־צבי.

צו ווערן אויסגעוויילט אלס א פרעזידענט פון א פאלק מוז די פערזאן זיין פון אן אייגענארטיגער גרויסגייט. אבער צו ווערן געכטעט און געליבט פון דאס גאנצע פאלק אזוי ווי בן צבי איז געווען, איז א זכות וועלכער טרעפט נאר ווייניקע מענשן אין לעבן. פון גרויס און קליין, פון יעדער שיכטע פון דער אידישער בעפעלקערונג איר עס געווען פארערט און געאכטעט.

ער האט ניט געדארפט קיין גילדענע פאלאצן און זילבערנע ראמען צו דערהויבן זיין פערזענליכקייט. זיין אויסער־געוויינליכע ערליכקייט און טיפע ליבע פאר זיין פאלק האט אים דערהויבן צו א הויכקייט אויף וועלכער ער איז געשטאנען ביז צום לעצטן מינוט. באשיידן און ווירדיק האט ער אויסגעפירט זיין מיסיע אלס ישראלס פרעזידענט. געאכטעט אן רעספעקטירט און פון פרעמדע נאציאנען מיט וועלכע ער איז נאר אין פערבינדונג געקומען. גרויסע דיפלאמאטן האבן אין אים דערקענט דעם גרויסן געלערנטן און זיין ערליכע נשמה. זיי האבן געוואוסט דאס אלס א פריינט קען מען זיך אויף אים פערלאזן.

געלעבט און געשטארבן ווי א גרויסער ייד מיט דעם שמע ישראל אויף זיינע ליפן, ווערט זיין נאמען ווערן פאראייביקט אין דער אידישער געשיכטע אלס איינער פון די פיינסטע דיפלאמאטן אין מדינת ישראל.

## „געשטארבן דער קעניק זאל לעבן דער קעניג״

דער איצטיקער פרעזידענט אין ישראל איז אויסגעוויילט געוואָרן ש. ז. שזר, איינער פון די אנערקענטע גרויסע העברעאישע שרייבן וואס שרייבט אויך אין יידיש, דער איבערזעצער פון די בארימטע רחל־לידער אין יידיש און אליין אויך געשריבן לידער אין יידיש, איינער פון די אָנגעזעענסטע יידן פון אונזער תקופה — לאנג לעבן זאל דער נייער פרעזידענט פון ישראל.

---

**יוסף פרענקעל**, איז געוואָרן דעם חודש א בן־ששים, מיר גראַטולירן אונזער קאלעגע און ווינטשן אים א סך כוחות אין זיינע ארבעטן און אין אלע זיינע אקטיוויטעטן — עד מאה ועשרים שנה.

לשון און לעבן

לשון און לעבן און פריינט פון יידישן לשון ווינטשן די צוויי בארימטע שויש־פילער־קינסטלער **מארק מארקאוו** און **עטא טאפעל** א האַרציקן מזל־טוב צו זייער זילבערנער חתונה. מיר ווינטשן זיך זיי ווידער צו זען ביי אונדז אין לאנדאן, מיר געדענקן נאך זייער גוט די טעאַטער־תקופה פון זייער וווינען אין לאנדאן, מיר ווינטשן זיי א געבענטשן לעבנס וועג.

פארן קאמיטעט הנ. סעק.

**נ. רובין**

עס שליסט זיך אן אין די אלע גוטע ווונטשן און שיקט די קינסטלער־אקטיארן נאך א סך אנדער ברכות — דער פּאָעט **שמואל וואהייט**.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 6־5 (העפט 80־379) פיר און צוואנציקסטן יאָר מאי־יוני 1963 לאָנדאָן

## אונזער יידישע אחדותדקייט

אין אונזער וועלט־צעשפרייטקייט שטייען מיר פאר דעם בפירושן אמת, אז דאס געזעלשאפטלעכע־סאָציאלע פון די פעלקער צווישן וועלכע מיר לעבן, באשטימט אונזער פאליטיש באוווסט זיין און ווירקט אויף אונזערע שעפערישע פאטענצן און פרעטענציעס —

עס איז א ווייטער מהלך און גרויסער אונטערשיד בנוגע די מעגלעכקייט און לעבנס אויסדרוק צווישן די קרוב זעקס מיליאָן יידן אין אמעריקע און די דריי אין סאָוויעטרוסלאַנד. דער חילוק איז נישט נאר א קוואנטאטיווער.

און אזוי איז דער פאל מיט אונזערע קלענערע ישובים! מיר ברויכן נישט ערשט צו זוכן אזעלכע ווייטע מהלכן פון פינלאנד ביז קובא. ווי ווייט איז אונזער ענגלישער ישוב פונם פראַנצעזישן — א קאצן־שפרונג! אבער דער קאלאסאַלער קולטיש און קולטורעלער חילוק און די אמביציעס און פרעטענציעס — כרחוק מזרח ממערב.

איז אבער, אויב מיר זיינען געטיילט אין די אלע ספערן, וואס האבן א שייכות צום באוווסטזיין, זיינען מיר אבער אין אונזער אונטערבאַוווסטזיין א געאייניקט איין פאָלק. ביי וויטסטן, ביי פארלוירנסטן ייד, שווימט נאך ארויס עפעס א וואָרט אין שעה פון פארלאזנקייט און געפאר און ער גיסט זיך צונויף מיט דער גאנצקייט פון זיין פאלק און ס׳איז שלום אין זיין הארץ.

דאס אונטערבאוווסטזיין פון א פאָלק אין זיין לשון! מיט דער שפראך — איין וואָרט אמאל, א פאלקלאר־רמז! — איז שיכט אויף שיכט אויפבאַהאַלטן דער ירושה־זכרון פון זיין עבר, דער חלום פון זיין עתיד. דער ראסישער אינסטינקט, דאס רעליגעזע געפיל, דער נאציאָנאַלער ווילן זויערן אויפן דנא און דער אלט־אויסגעשטאַנער ווין אין די נייע פעסער קוילערט זיך דורות־דיק מיט שכרות באַרוישטן־פאטענץ און שעפערישקייט־עקסיסטענץ — עס איז דאס הויה־וואָרט „היה הוה ויהיה״, די קאסמישע אומענדלעכקייט און אייביקייט.

און א פאלק ווי א מענטש וואס האָט פארלוירן זיין אונטערבאַוווסטזיין ווערט א צעשפליטערטער שיצאָפרין, אן אויטאָמאַט — אן אָנגעדרייטע כלי! א שפינגע דגינגע וואס דרייט זיך אויף א שפרונזינע.

און דאס זעען מיר בפירוש מיט די ישובים, וואס דערוויטערן זיך פון אונזער לשון, זיי זיינען שוין אברים מדולדלים, קוים טעכניש צוזאמגעהאַלטן.

די שפראך פון א פאָלק איז זיין אונטערבאוווסטזיין! און אונזער מאמע לשון יידיש איז עס, נישט נאר, וואָס האָט קרוב טויזנט יאר אויפגענומען אין זיך יידיש רעאַל־לעבן און יעדער פאלקלאר און ווארט־אקצענט האבן אין זיך די פוסיליען, און וואס טיפער אלץ טיפער די שווערע מינעראלן פון אונזערע

הגם לויטן דין איז ער ניט מחויב געווען דאס צו טוען, נאר ער האט עס געטון „לפנים משורת הדין". (בבא קמא צ"ט) ווידער, אבוה — דשמואל האט געפינען עטלעכע אייזלען וואנדערן אין דער מדבר, נאך אפהאלטענדיק זיי א יאר און געבנדיק צו עסן איז געקומען איינער וואס האט געזאגט אז זיי געהערן אים. הגם לויטן דין איז ער ניט מחויב געווען צוריק צו געבן די אייזלען. נאר בעצאלן פאר זיי ווייל עס זענען פארגאנגען איבער צוועלף חדשים, דאך האט ער עס געטוען „לפנים משורת הדין". (בבא מציעא כ"ד מהכים). שלעכטע מענטשן האבן טאקי אויסגענוצט די גוטקייט ווי מען זעט עס פון דער ווייטערדיקע מעשה — רבי ישמעאל ברבי יוסי האט שפאצירט אויף א וועג, איז פארבייגעגאנגען איינער שלעפנדיק אויף זיין אקסל א שווער בינטל האלץ. פלוצים האט זיך דאס בינטל האלץ אראפגעגליטשט פון זיין אקסל, איז ער צוגעשטאנען צו רבי ישמעאל ברבי יוסי אז ער זאל אים העלפן אויפהייבן די משא. רבי ישמעאל ברבי יוסי איז געווען אן אלטער מאן און ניט קיין כח געהאט צו העלפן אים, האט רבי ישמעאל ברבי יוסי געפרעגט דעם מאן — וויפיל באקומסטו פאר דעם בינטל האלץ ? א האלבן גילדן איז געווען דער ענטפער, האט אים רבי ישמעאל געגעבן א האלבן גילדן און מפקיר געווען דאס בינטל האלץ — ווער עס וויל זאל עס נעמען. נאכן באקומען דעם האלבן גילדן האט דערזעלבער מאן אליין אויפגעהויבן דאס בינטל האלץ און איז ווייטער געגאנגען. אז עס האט זיך ווידער אראפגעגליטשט פו זיין אקסל איז ער ווידער צוגעשטאנען צו רבי ישמעאל, ער זאל אים העלפן, האט אים רבי ישמעאל ווידער געגעבן א האלבן גילדן. זעענדיק אז דער מאן ווארט ביז ער וועט עס מפקיר זיין כדי ער זאל עס ווידער נעמען, האט רבי ישמעאל געזאגט צו אים — איך בין מפקיר דאס בינטל האלץ אז יעדער זאל עס מעגן נעמען אויסער דו. פרעגט מען אין דער גמרא — פארוואס האט רבי ישמעאל אים באצאלט דאס ערשטע מאל פארן האלץ, ער איז דאך געווען אלט און ניט מחויב געווען צו העלפן, ניט געדארפט מקיים זיין די מצוה פון עזוב תעזוב ? און מען ענטפערט — ער האט געטוען „לפנים משורת הדין". (בבא מציעא ל')

פון די אלע עפיזאדן זעט מען אז „לפנים משורת הדין": מער טוען ווי דאס געזעץ באפעלט דריקט אויס די אידיי פון אלטרואיזם: אפזאגן זיך פון אייגנעם ווילשטאנד און כבוד לטובת דעם ווילשטאנד און כבוד פון אנדערע, ניט פון שטרענגער אפהיטן די שבת, כשרות אדער אנדערע געזעצן. די זעלבע אידיי ווערט אויך אויסגעדריקט מיט דעם שם התואר „חסיד", די גמרא זאגט א חסיד שוטה ווערט אנגערופן דער, וואס לאזט א פרוי דערטרונקן ווערן אין א טייך, ווייל ווען ער זאל איר ראטעווען וועט ער איר אנקוקן. (סוטה כ"א) אדער, וואס זעט א קינד פאלן אין א טייך און זאגט אז ער וועט האבן אויסגעטוען די תפילין וועט ער אריינשפרינגען אין טייך, דערווייל ווערט דאס קינד פארטרינקן. (ירושלמי סוטה פ"ג ה"ד) זייענדיק זעלבסט א חסיד האט הלל הזקן געקאנט זאגן — „ולא עם הארץ חסיד". (פרקי אבות פ' ב'־ו') מחמת ניט צו זיין א חסיד שוטה דארף מען וויסן דעם באטייט פון „לפנים משורת הדין". און שפעטער האט רב שמעון בן לקיש געווארענט „אויב אן עם הארץ רעדט



זיך איין אז ער איז א חסיד זאלסטו ניט וווינען אין שכנות מיט אים". (שבת ס"ג) ווייל ער ווייסט ניט אז מיטן טערמין „חסיד" האט דוד המלך אויסגעדריקט די אידיי פון אלטרואיזם, וועסטו ליידן פון זיין עגאיסטישע פרומקייט. ווען די פרומע האבן דוד המלך פארגעווארפן די מעשה מיט בת שבע, האט ער געבעטן צוב אלמעכטיקן — „שמרה נפשי כי חסיד אני": מיין זעל זאל זיין אפגעהיטן פון באשטראפן זיי ווייל איך בין א חסיד. (תהלים פ"ו) האבן די מפרשים ארויסגעדרינגען — אז איינער הערט ווי מען שעלט אים, וואס האט די מעגלעכקייט צו באשטראפן און פארשווייגט, ווערט אנגערופן חסיד. (ילקוט שמעוני תהלים פ"ו) עס איז דעריבער קלאר אז אפזאגן זיך פון אייגנעם ווילשטאנד און כבוד לטובת דעם ווילשטאנד און כבוד פון אנדערע איז חסידות.

## יהודה ביעטש

## „פוסיקינס" די קאץ

פון אייביקע יארן ביזן היינטיקן טאג זענען פאראן נייגיריקע מענטשן, וואס ביי א ליאדע קלייניקייט זאמלען זיי זיך באלד צונויף און קוקן. זיי קענען אייך אזוי אפשטיין א שטיק צייט און סוף כל סוף אוועקגיין, נישט וויסנדיק די סבה פארוואס מען איז געשטאנען און געגאפיעט . . .

צו דעם סארט מענטשן קען מען, בלי ספק, אריינגערעכענען אסך לאנדאנער פרויען. מילא, אויב מענטשן זאמלען זיך צונויף בשעת אן אומגליק אין גאס, רחמנא לצלן, ווען צוויי אויטאמאבילן שטויסן זיך צוזאמען אין פארן, איז עס נאך א נאטירלעכע זאך. אבער ווען עמיצער טרעט בשוגג אן אויף א פיסל פון א יונג קעצל, וואס פלאנטערט זיך צווישן די פיס פון איילנדיקע פארבייגייער אין דער הויפט־גאס פון קילבורן און ס'זאל זיך צונויפלויפן אן עולם נייגיריקע מענטשן, איז עס באמת שוין אביסל אויסטערליש.

אזוי האבן זיך דורכגעשמועסט די צוויי פריינדינס, וועמעס געוואוינהייט, מכמה שנים, ס'איז געווען זיך צו טרעפן יעדן זונטאג נאכמיטאג אין איינער פון די לאנדאנער גרעסערע קאפעען, כדי זיך אראפצורעדן פון הארץ ביי א טעפעלע טיי זייער וואכעדיקע איינזאמקייט; און אגב אורחא כאטש אויף געציילטע שעהן פארטרייבן דעם אנגעזאמלטן יאוש פון זייער מחשבה . . . אט די טרעפענישן זענען מיט דער צייט געווארן א מין עבודה, ממש א חוק ולא יעבור.

בערטא לפידות, א פרוי אין די פיפציקער יארן, א נידריקע, א דיקלעכע, מיט צוויי גרויסע, שווארצע אויגן, געדיכטע ברעמען און אביסל א פארריסענער נאז, האט געהאט אין זיך אלע ניין מאס רייד, מיט וועלכע זי האט זיך באנוצט ביי יעדער מעגלעכער געלעגנהייט . . . אז זי האט זיך צערעדט, איז שוין געווען שווער זי אפצושטעלן. אגב, דעם אמת געזאגט, האט זי תמיד געהאט פיקאנטע זאכן צו דערציילן, נייעסן פון דער וואך, עפיזאדן, פאסירונגען און דאס ענלעכע, אנגעשטאפט ווי א מילגרוים מיט קערעלעך.

ראזא מילשטיין איז געווען פונקט דער היפוך פון איר פריינדין בערטא. זי איז געווען הויך, מיט אן ערנסט, לענגלעך פנים, ווי ביי א מאנספארשוין,

הינטישע געטריישאפט, נאר דער חניפישער אינסטינקט פונם קעצישן מין . . . ווייל ווי נאר דאס נפשל האט דערהערט דעם מיידלס רוף — „פוסיקינס״! — האבן ביי אים די אויגן גענומען ווילד בליצן מיט פארשיידענע קאלירן. פאמעלעך און פויל האט עס זיך אויפגעהויבן, א פינטל געטון מיט אן אייגל און מיט א הויך־פארריסענעם עק שטאלץ, ווי אן אריסטאקראט, טריט ביי טריט צוזאמען מיט איר אריינגעגאנגען אין שטוב אריין.

נישט בחינם איז דאס מאדנע באשעפענישל באלד געווארן דער ליבלינג ביים יונגן מיידל. ווי נאר לינדא האט זיך געזעצט צום טיש פלעגט „פוסיקינס״, מיט א לייכטן שפרונג, ארויף אויף דער אנלען פון דער שטול און אנשפארן די פאדערשטע לאפקעלעך איר אויפן אקסל און צודריקן דאס מארדעלע נאענט צו איר אויער. ס׳האט געמאכט דעם איינדרוק ווי דאס חיהלע רוימט איר עפעס איין, אזוי צו זאגן, א סוד פון טאג.

בקיצור, „פוסיקינס״ האט געלעבט אין וואוילשטאנד און געוואקסן ברייטער ווי לענגער. אמת, די ברייטע פעני פלעגט קוקן קרום אויף דעם מאדנעם באשעפעניש, איבערהויפט אין די ווינטער־אוונטן, ווען מען האט אויפגענומען פריינט און געסט. דעמאלט, ווען די אטמאספערע איז געווען אזוי היימיש, מען האט געטרונקען טיי, געשמועסט פון כלערליי זאכן און א טייל פון די געסט האבן זיך פארקליבן אין א ווינקל פון שטוב צו שפילן א פארטיע קארטן, פלעגט „פוסיקינס״ באשליסן, אז איצט, בשעת די מענטשן זענען אזוי פארטיפט אין הלכות געשעפט און שפילן, איז עס די ריכטיקע שעת־הכושר זיך צו באזעצן, מיט א לייכטן קעצישן שפרונג, ביי איינעם פון די געסט אויף דער שויס. נאר ביז דעמאלט פלעגט פוסיקינס ליגן, האלב דרעמלענדיק, ביי דער זאפא, וואס איז געשטאנען נאענט פון פענסטער, וואו לינדא פלעגט תמיד זיצן און ארויסקוקן אין גאס אריין.

דערזעענדיק ווי פוסיקינס מאכט זיך אזוי באקוועם ביי איינעם פון די געסט אויף דער שויס, האט מרס. דזשייקאבס גענומען שרייען אויף דער קאץ און זי געטריבן פון שטוב. א ברוגזע, מיט א קרום, זויער פנים, האט די קאץ גענומען מיאוטשען, ווי א קינד וואס צעוויינט זיך פון עפעס אן עוולה ווען עס ליידט. ס׳האט אבער גארנישט געהאלפן. פוסיקינס האט באין־ברירה געמוזט אראפשפרינגען פון דער ווארעמער שויס, איבערלאזנדיק שווארץ־ווייסע האר אויף זיידענע קליידער און געפרעסטע הויזן.

עד־היום איז עס נישט קלאר פארוואס די קאץ איז פארשוואונדן. לינדא האט צוגעזאגט צו געבן אן אנגעזעענע סומע געלט אלס א באלוינונג דעם, וואס וועט אפברענגען די קאץ, אבער אן דערפאלג!

טיף גערירט פון דער געשעעניש, איבערהויפט פון די פארשיידענע ווילדע קלאנגען, אז מ׳כאפט קעץ, מייסטנס אזעלכע וואס האבן א שיינע פעל מיט לאנגע האר; אז קירזשנערס מאכן פון די פעלעכלעך פוטערנע קעלנער פאר פרויען, איז דאס מיידל אינגאנצן צעטרייסלט געווארן. פון צייט צו צייט פלעגט זי אפילו אויסברעכן אין א שלוכצנדיקן געוויין פאר בענקשאפט נאך פוסיקנס. עס איז געווען א מין עוולה, וואס מען האט ביי קיינעם נישט געקענט



מאנען קיין גערעכטיקייט . . .

אין די שפעטע שעהן פון דער נאכט, ווען דער ווינט האט גערוישט אין די צווייגן פון די אקאציע־ביימלעך, וואס זענען געשטאנען אקעגנאיבער דעם פענסטער פון איר שלאף־צימער, און זיי געבאדן אין דער לבנהס ווייסזילבערנע שטראלן, האט זיך לינדאן אין איר אומרואיקן שלאף געדאכט, אז זי הערט פוסיקינס טרויעריק געיאמער, ווי די קאץ וואלט געקלאגט און זיך געבעטן, אז מען זאל זי צוריקאריינלאזן אין שטוב אריין.

אמאל אין אזא נאכט איז לינדא אויפגעשפרונגען מיט א געשריי,

— ווארט, פוסיקינס, אט קום איך!

מיד פון נישט שלאפן איז זי צוריקגעפאלן אין בעט אריין און אין א דרימל האט דער בעל־החלומות זי געכאפט אין דער נעץ אריין. זי האט פלוצים דערזעען פוסיקינס פעלעכל מיט די לאנגע געקרייזלטע האר, וואס זי איז געווען אזוי אפט צו קעמען און פילן די ווייכקייט פון די זיידענע האר, ווי עס הענגט ביי א קירזשנער אויף א ברודיקן טשוואק צום טריקענען . . . מערערע מאל האט זיך לינדאן געחלומט אזעלכע חלומות, און זי פלעגט דערנאך לאנג וויינען און אפילו ספאזמירן, אז ס׳איז ממש געווען שווער זי צו בארואיקן.

אין אזעלכע נעכט פלעגט לינדאס מאמע, די ברייטע פעני, זיך באקלאגן,

— געהערט א מעשה, א מיידל זאל זיך אזוי נעמען צום הארצן וועגן א קעצל! נישט אנדערש נאר א קליפה האט זיך אין איר באזעצט . . .

פונדעסטוועגן דאכט זיך אויך איר, אז מיט פוסיקינס פארשווינדן פעלט טאקע עפעס אין שטוב. און עפעס א בענקשאפט ליגט אויסגעשפרייט אין יעדן ווינקל, איינגעהילט אין שטיל שווייגן.

בערטא האט טיף אפגעזיפצט און זיך געווענדן צו איר פריינדין,

— ראזא, דו ווייסט, אז די מעשה מיטן יונגן מיידל האט מיך אנגעלערנט נישט צו ווערן צופיל צוגעבונדן צו קיין לעבעדיק באשעפעניש.

זי האט א קוק געטון אויף איר האנט־זייגערל און אויף א קול אויסגעשריגן,

— זע נאר, זע, זיך פאררעדט. אוי, ס׳איז דאך שוין אזוי שפעט. מען ווארט דאך שוין אויף מיר. כ׳מיין פיפי מיין „פעט״ . . .

## דוד בערמאן

## א פיקניק אין עפינג - פארעסט

זומער אין א שיינעם טאג איז א גרופע פון אן ערך צוואנציק יונגעלייט געפארן פון דער איסט־ענד אין לאנדאן קיין עפינג־פארעסט אויף א פיקניק, און מיטגענומען א גרויסן קארב פול מיט פירות און מאכלים.

געקומען אין וואלד אריין, איז עס געווען פאר זיי א מחיה: די לופט דארטן האט געשמעקט אזוי פריש, די זון האט געשיינט אזוי ליב אין א בלויען הימל, עס איז ממש געווען א פרעכטיקער טאג אויף א פיקניק.

עס איז אויך געווען דאס ערשטע מאל וואס ראובן און די שיינע מירעלע האבן געזעען פאר זיך אט דעם וואלד, דעם עפינג־פארעסט . . .

סביבה פון די פראסטאקעס, צוליב זייער פאלקסטימלעכקייט און פשטות.

שלמה אויערבאך האט, לויט זיין אויסזען און באנעמען, פרעזענטירט דעם רוסישן „בראדיאגע“. ער איז געווען צעכראסטעט, נישט „סאלאן־פייאיק“, צוליב זיין אומגעצוימטן טעמפעראמענט, וואס איז אפטמאל געקומען צום אויסברוך, ווי די צעברויזטע כוואליעס פון דעם רוסישן „וואלגא“ טייך.

שלמה אויערבאך איז געווען א קינד פון דער רוסיש — אוקראאינישער רחבות, געפארט מיט אוצרות פון יידישן וויסן און אוניווערזאלער ליטעראטור־קענטניש. ער איז געווען א בן תורה, הגם נישט רעליגיעז. אבער ער איז נישט געווען קיין אפיקורס, חס וחלילה. ער האט צו־טיף געווארצלט אין דער יידיש־רעליגיעזער און יידיש — נאציאנאלער טראדיציע, אז ער זאל זיין א כופר.

שלמה אויערבאך איז, פאליטיש און אידעאלאגיש, נישט געווען פארבונדן מיט קיין שום יידישער אדער ניט יידישער פאליטישער פארטיי. ער האט געהאסט דעם באגריף פון „פארטייען“, הגם ער האט געהאט געוויסע סימפאטיעס פאר דער אדער יענער פאליטישער שאטירונג. שלמה איז אפילו נישט געווען קיין מיטליד אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, נאכמער: שלמה איז אפילו נישט געווען אין ישראל! א זאך, וואס רופט ארויס אומהיימלעכע מחשבות, הלמאי די היגע „העברעער“ האבן אים נישט מכבד געווען מיט א נסיעה אין דער יידישער מדינה.

שלמה איז בטבע, געווען א „טשודאק“. דעם אמת געזאגט, וואלט זיך נישט געפאסט פאר דעם מערקווירדין מענטשן טיפ, וואס עס האט מיט זיך פארגעשטעלט דער באהעמישער „שלמה“, צו זיין „סטאטעטשנע“, א מין „זיידענער ייד“, ווי דאס איז דער פאל ביי אנדערע, וואס פארנעמען הויכע געזעלשאפטלעכע פאזיציעס אין יידישן לעבן, הגם זיי פארמאגן נישט קיין ניצוץ פון שלמה אויערבאכס וויסן.

ווי אין זיינע וויינער יארן, ביז צו דער היטלערישער אקופאציע פון עסטרייך, האט שלמה זיך מפרנס געווען פון געבן העברעאישע לעקציעס, און ער האט אויך אין לאנדאן, ממשיך געווען מיט דעמזעלביקן עבודות.

יא. שלמה אויערבאך האט זיך אויסגעלעבט אין זיין אייגענער וועלט. אין א וועלט פון ליטעראטור, תלמידישן וויסן, וואס ער האט מיטגעברענגט פון זיין אונטערגעגאנגענער היים, אין דעם אוקראאינישן שטעטל, ווו עס האט געווארצלט די יידיש־למדנישע סביבה, פון תורה און ליטערארישע וועלטלעכקייט.

מיט דער פטירה פון שלמה אויערבאך איז אוועק אין דער אייביקייט איינער פון די לעצטע מאהיקאנער פון רוסישן יידנטום, וואס האט באשיינט די יידישע וועלט מיט א פלעיאדע פון דער יידיש־גייסטיקער אינטעליגענץ.

כבוד זיין אנדענק!

## ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“



## אייזיק גאלדבערג

## שלמה אויערבאכס באציאונג צו יידיש

ביים פאריין „פריינט פון יידיש־לשון“ איז כאראקטעריסטיש די באציאונג, וואס אלע האבן געהאט צו שלמה אויערבאכן. אזוי גיך ווי מען האט נאר געמאלדן ביים „ליטערארישן שבת־נאכמיטאג“, אז שלמה איז געשטארבן, האבן אלע אנוועזנדיקע ספאנטאן אויסגעשריגן „אוי!“ און אין אט דעם קען מען שוין זען ווי נאענט מען האט זיך געפילט צו אים, ווי אן אייגענער פון א פאמיליע וואלט אוועקגעגאנגען אויף זיין אייביקער רו . . .

איך וויל מיר דערלויבן אנצואווייזן אין אייניקע שטריכן, לויט ווי איך נעם עס אויף, וואס שלמה אויערבאך איז געווען פאר „די פריינט פון יידיש־לשון“ בכלל. הגם ער איז געווען א העברייאיסט איז ער דאך בלב ונפש געווען צוגעבונדן צום יידישן לשון. מען קען זאגן, אז ער איז געווען א בעל־כוח, נישט בלויז קערפערלעך הויך און שטארק, נאר גייסטיק פיל פיל גרעסער. זיין שטארקייט איז הויפטזעכלעך באשטאנען אין דעם וואס ער האט לעבעדיק געשפרודלט ווי אן אומאויסשעפלעכער גייסטיקער קוואל סאי אויפן געביט פון אלטערטימלעכן רעליגיעזן ליטערארישן וויסן סאי אויפן געביט פון דער וועלטלעכער ליטעראטור, בעיקר דער רוסישער, מאדערן־העברעאישער און יידישער, מיט וועלכע ער האט געלעבט און געאטעמט.

צו אט דעם אלעם האט שלמה אויערבאך געהאט אן אייגנארטיקן קריטישן בליק. זיינע אפהאנדלונגען איבער שרייבער, ביכער און פארשיידענע פראבלעמען זענען פון וויכטיקער באטייטונג. באזונדערס שטארק איז ער געווען מיטן לעבעדיקן ווארט, ממש אן אראטאר. געהאט א זעלטענעם כוח־הדיבור, אז וואס מער ער האט גערעדט, אלץ מער האט מען אים געוואלט הערן. דערצו האט ער נאך געהאט א זעלטענעם זכרון, אזוי, אז ווען ער האט זיך צעווארעמט ביים רעדן, האבן ביי אים גענומען שטראמען גייסטרייכע געדאנקען און באלערנדיקע קאמענטארן אויף כלערליי היסטארישע, ליטערארישע און רעליגיעזע מאטיוון. יא, מען האט אסך פון אים געלערנט, האבנדיק א נחת־רוח אים אויסצוהערן.

אין זיין פריוואטן פארקער אבער מיט פריינט און באקאנטע איז ער געווען פשוט, צוגעלאזן צו יעדן איינעם, זער בארעדעוודיק; טיילמאל אפילו אויך אומאיבערלעגן קינדיש, גאנץ להיפך צו זיין גייסטיקן פארנעם. עס איז ממש געווען א פארגעניגן צו פארברענגען מיט אים אין זיין פשוטקייט, אז מען האט אים געקאנט מוחל זיין א נישט־טאקטישן אויסדרוק אמאל . . . איז ער עס דאך געווען דער גייסטיקער מענטש און לערער! אבער ער האט אויך אליין אסך געגאסן אין אונזער סביבה.

עפעס אומפארגעסלעכעס וועט בלייבן ביי יעדן איינעם, וואס האט געהאט א קאנטאקט מיט שלמה אויערבאכן.

ביידע לשונות, יידיש און העברעאיש, זענען ביי אים געווען ווי איינס, נישט אפצושיידן ווי שוועסטער און ברודער — א ספעציפיש־יידיש פראבלעם.

ז.

אָנקומען אין שטעטל ווו געבוירן,
זען זיידנס הויז אין מאַרק אויפן ראָג,
און קיין איינעם פון אונזער משפחה —
אַלע אויסגעקוילעט אין איין טאָג!

א פרעמדער הונט שאַר איך מיך ביי די ווענט,
מיין געביין גריזשעט א ווייסט געקלאָג,
נישט נאָר כ׳וועל נאָך פאַרשעלטן דאָס ארט דארט,
פון מיין געבוירן־ווערן — דעם טאָג.

ח.

אז נישט געבליבן פון אונז קיינער דאָ,
צומאָל קיין שאָטן נישט אויף די ווענט,
און מיט שרעק אין האַרץ מיך שאַרן ביי זיי,
פון קיינעם נישט צו ווערן דערקענט.

איז עס די שולד פון זיי, איז זי אין מיר?
וואסער חילוק אין וועם ס׳איז געווענט?
ווי פון א ברענענדיקן שייטער פלאם,
אין מיין פנים אזא בושה ברענט.

ט.

נאָך האַלבע נאַכט דערשראָקן אויפגעוואַכט,
און ווי א פעטלע מיין האַלדז פארציט:
איז דאָס מעגלעך אז פון מיין גאַנץ שטעטל,
כ׳בין דער איינציקער געבליבענער ייד?

האַרץ וואַרפט זיך, צאַפּלט, וויגט זיך ווי אַ וויג —
איבער מיין שטעטל א טויטן־ליד — —
בלויז ווו איז וויסינקע ציגעלע איצט?
אין מיין האַרץ נאָגט עס אזוי און ציט.

י.

ווייכינק וואָלקנדל, לבנה הערנדל,
ווינקט וויינענדיק דורך פענסטער אַריין:
איין הערנדל גאַנץ אויסגעבראָכן,
צווייט׳ס קוים ענטרינען הינטישע ציין.

דאָך נישט איינמאָל אין אזא אפריל־נאַכט,
ווי גלוסט זיך מיר אין שטעטל צו זיין;
איז נישט קיין ראָזשינקעס, נישט קיין מאַנדלען,
אזוי אונטער וויגעלע צו שטיין.



יא.

מיינע בליקן געזוכט א תהילימל,
צווישן מיינע ביכער ווו ס׳מוז זיין — —
„תפילה לעני כי יעטוף“, און — פאר
א בוך, „אשוויץ“, געבליבן כ׳בין שטיין.

A. 18260

כ׳זיץ פינסטער איבערן בוך און ליין;
נאָך־האַלבע־נאכט, חצות, איידער איך פאר —
שעפטשע איך שטיל די לידער און וויין.

יב.

נאר קאָנען אויסהאַלטן, דערטראָגן עס,
פאַר א מענטשלעך האַרץ עס איז צו שווער;
כ׳וועל דען קענען זען עפעס, אז דאָס אויג,
כסדר רק עס שווימט אין א טרער?

פאַרגליווערט שטיינבלייבן א מאָנומענט,
א שטיק צער וואָס אָטעמט שוין נישט מער,
פון אויג אַרויסקוקנדיקע אימה,
באַפאַלן יעדן וואס קומט אהער.

יג.

ס׳איז דער יום: „אל נקמות ד׳“,
דער קאַיאָר, ווען כ׳פאָר פון דאָ אַוועק;
נישט רייזע־פיבער אַרומגענומען —
פון א גרויליק, גרויע גרויסע שרעק.

איז נישט א קרעמאַטאָריע וואָלקן־רויך,
דער הימל־געשטרעק פון עק ביז עק,
די לופט ארום גאז־קאַמער שטיקנדיק,
און די גאַנצע ערד דאָרט אין בלוט־פלעק?

מיטוואָך 17׳טער אַפּריל, 1963

## צוויי תפילות

### 1. תפילה קודם התפילה

נאר א נאר קאן פערלאנגען פון זיך נביאות — —
כאָטש בלויז ווי אַ הונט ניוכנדיק דערפילן;
פאַרוואָר, ס׳קאָן א גראם ווער־ווייס־ווו פאַרפירן,
א בילד־פארגלייך — סודותדיק וויך פאַרהילן.

פאַר ווילדע וואַלד־וועלף, פאַר חיות־רעות, ווילדע,
גראַטעס־שטאַנגען געשמידט פון געגאָסענעם אייזן;
ס׳ברעכן די ציינער, די גראַטשעס פאַרבלוטיקן — —
אַ זאַשע! אריבערשפרינגען קיינמאָל באַוויזן.

## אין דער קאַוטש

אין א בהמה־וואַגאָן מיט קאַלך אויסגעשאָטן,
דעמלט קיין טרעמבלינקע, קיין אָשוויץ געגאַנגען,
קינד און קייט שטיקנדיק צונויפגעשוויסט — איין שטיק טויט!
ווער צו פערגאַזן, ווער צו ווערן אויפגעהאַנגען.

יללה־בהלה — געשטאַנק און גסיסה־כאַרכל!
און ווער שוין מיט „שמע“, צום כ׳בין נישט ווער צו מעלדן.
מ׳וואָלט אונז געשלעפּט אזוי, אויף אַט דער „אויטאָ־באַן“,
ווען נישט דער אויפשטאַנד פון די קדושים־העלדן.

מיר די לאַנדאָנער גערוואָרן אָפּגעראַטעוועט,
אָדער פאַר קרבן־עולה נישט ווערט געווען?
עס לעשט זיך אויס שוין דער לעצטער שטערן אויף הימל,
אָבער דעם פּתרון נאָך אַלץ נישט ארויסגעלעזן —

זע, אויף די וועלדער בלוטיק אויפגייענדיקע זון,
געטראָפענער העלד גייט אויס פון אָפענע וווּנדן!
„והיה לבשר אחד“ זיצן מיר אין קאַוטש,
אזוי די 30 שעה פעסט אונז צונויפגעבונדן.

די ריין־בריק . . . האַנאָווער . . . ווי איבער דער „אויטאָ־באַן“,
פאַריאָג איך פון מיין האַרץ איין טרוים נאָכן אַנדערן . . .
אָ, כאַטש אזוי־אָ, ברידערלעך איינער מיטן צווייטן,
אויב נישט עולה־רגלדיק ווזנדיק מיר וואַנדערן.

אַז ווער קאָן עס אויפנעמען דאָס וואָס געשען דעמלט?
אַ מעשה מ׳מוז זיך אָנטון, עס צו דערשפּירן!
איינע די מיטן אָשוויץ־צייכן אויפן אָרעם,
רעדט צוזיך אין שלאָף: „לאָמיר אויפברעכן די טירן“.

אַז, זי ווייסט שוין צו גוט וואַהין מ׳טוט אונז פירן!
אַ שטימע, און אין מיטן שלאָף זי אויפגעריסן:
אַ מזרח־דייטשער גרענעץ־סאָלדאַט שטייט אין טיר,
באַגריסנדיק, בלויז זיין נאָז א ביסל פאַריסן . . .



## אויף דער אדער־בריק

אויב אייראָפּע מוז ווידער אָפּגיין אין בלוט,
ס׳וועט שוין זיין אין אַ שלאַכט „אָן דער אָדער“;
נישט אין אַ ווענע, נישט אין אַן אַרטעריע — —
א שניט אין גערמאַנישער שלאַג־אָדער!

ס׳ווילט זיך די וואַרטע די ווייסל, די וואָלגאַ?
ווי ס׳וועט כוואַליען פון וואַטאַנס כאָלעוועס,
ביז איבער די אויערן, ווען פון דער בריק, דאָ,
ער וועט פירן זיין טויטן־פּאָלינעז.

## פוילישע דערפער

1

די באַבעס אין די כוסטקעס פאַרבונדן אונטערן האַלדז,
די פּויערים מיט די פייקעלעך פאַרקלעמט צווישן די ציינער,
און די קינדער אויף די פּלויטן, ארויפגעדראַפּעטע,
די קאָבילע מיט די שאַרף־ארויסשטאַרטשעדיקע ביינער.

אַלצדינג אזוי אייגן, אזוי נאָנט, אזוי היימישלעך,
כאָטש מיך צוצעקושן מיטן הונט, קודלאַטע, פאַרן טויער,
בלויז וווּ איז דער קרעטשמער, דער טאַטע מיטן הויזגעזינט,
פאַרציען זיך מיינע אויגן מיט פרעמדקייט און מיט טרויער.

„קאָ־קאָ—קאָ!“ מקבל פנים קוואָקע אויף איר מיסט־קופּע,
„טור׳סט־טור׳סט־טור׳סט“! טרייסט מיט איין אייגל א חזיר אין בלאָטע:
„בראַטשע, ברידערל, עס האָט זיך דיר פאַרבענקט דער שלומפּער,
אין צויטן די נאָכשלעפּעדיקע, זשידזשוסקע קאַפּאָטע?“

— אז כ׳זע די אַלטע כאַטעס און פרישע קאַפּליצעס,
אזויפיל נייע צלמים אויף די שלעכט ברוקירטע וועגן,
איז וואָס פאַר אַ טענות קאָן איך צו אייך דען נאָך האָבן?
און ווי ס׳גייט אייך, און וואָס הערט זיך, צי ברויך איך נאָך צו פרעגן?...

2

אַ יאָרמאַרק אין שטעטל איז א פריילעכע חתונה געווען,
ווי מחותנתטעס זיצן די קאָמושעס ברייט אויף די וועגן;
פאַרפלאָכטן די גריוועס וויטען זיך צעהירזשע קאָבילעס,
און די קאָביטעס, מעוברת כלות, קוקן פאַרלעגן.

די קאַלירטע ציצן, די בענדער, די כל־ערליי פּאַטשערקעס,
די לאַקירטע שיכלעך, שוואַרץ־צעגלאַנצטע, די בייטשן רויטע קרעלן;
ששון־ושמחה: דער זשיד ביי דעם חופּה־סטראַגאַן וועט שוין געבן,
זי ברויך בלויז יאַנען, אויך איצט נאָך מיט איר בויך־געשטעל צו געפעלן.

מכלומרשט געקומען עסן יידיש פיש,
לכבוד שבת אָנגעקאָכטער.

פון פילסודסקין אין אַטלעסנא קאַפּאָטע,
אין אַ „שטיבל" זיך אויסבאַהאַלטן,
די זשאַנדאַרמען זיינען אריינגעקומען,
די חסידים זיצן אַרום „אַלטן" . . .

בלאָס צומאָל די לעגענדע פון שאול וואהל,
געקעניגט א טאָג איבער פוילן,
אַקייגן יענע אין קורטוס ברעזע,
וואָס מען זוכט אַצינד צו פאַרהוילן.

די צעפּאַסמעוועטע לייבער דאָרטן,
די אונטערגעשלאָגענע לונגען;
רייסנדיק די גראַטעס ווי האַרף־סטרונעס,
אין גסיסה־כאָרל זיך צעזונגען.

צי קאָן מען פארווישן אַזעלכע שליאַדעס,
אַזוי רויט אז דאָס בלוט פאַרגליווערט?
א כאָב וואָס פאַרניכטעט זיין חובות־ארכיוו,
זיך אליין צום פאַרניכט אויסליווערט.

„אבראמאוויטשעס" ווי „יאַנקעל צימבאַליסט",
וואַרטן נאָך אויף גרויסע פּאָעטן,
אויב נאָך די זכיה, צו האָבן אזעלכע,
צוגעשטאַלטן, נישט נאָר צו פאַרגלעטן.

3

ערשט אז נעמען דערציילן אונזערע לעגענדעס,
איך וועל דאָך לגמרי נישט קענען מער אויפהערן;
טויזנט און איין שטעטל, טויזנט און איין וואונדער,
מיט אונזער מענטשלעכן שכל נישט צו דערקלערן.

א רבי ר' שכנא, א מהרשל, א רמ"א,
מגלה־עמיקות, וועלכער מוח האָט עס באנומען?
נישט משיג צו זיין ווי געוואָרן, ווי אויסגעוואַקן,
ווי נישט צו פארשטיין, פארוואס אזוי אומגעקומען.

אבער וואָס דווקא קראָקע? און וואָס איז קאָזשעניץ?!
פאַרוואָס נאר לובלין? און וואָס איז סאכאטשעוו, קוטנע?!
ר' אברהמעלע, ר' שיעלע, און אפילו
שלום־אש, נאמבערג, ס'ווערט אזוי קאָלמוטנע־סמוטנע.



און וואס עפּעס דווקא די גרויסע, די מפורסמים,
די גאוני עולם, די הימלישע קדושים?
זיצט זיך א ייד, פאַרשטעקט אין א טל־מטר־שטעטל,
קלאַפּט טשוועקעס און יעדער קלאַפּ איז הימל א רושם.

און וואָס דווקא דער הימל און וואס מכוח די ערד?
מיט נאדל־פאדים און מיט שער־און־אייזן;
שווער דער האמער מוז זיין, קוים אים אויפצוהויבן,
דעם מענטש פון אלע שוועריקייטן צו דערלייזן — — —

ס'האָט גאט, אפּנים, טויזנט וועלטן באַשאַפן,
פאר זיך, פאר זיין כבוד וועגן — ס'יידישע שטעטל,
האָט ער זיך פאַרבענקט, צו זיך עס אַרויפגענומען,
נישט געלאָזט דא צומאל א פה־נטמן־ברעטל.

4

און דאָס משיג צו זיין, מענטשלעך צו פאַרשטיין:
פון בית־מדרש־באנק, פון שוסטער־בענקעלע,
שוין פונם עלטער־זיידן אין די ביינער,
דאָס געירשנטע סוכאָטא־קרענקעלע,

און א וויסנבערג קאַגאַנאָווסקי־פערלע,
און פון ליד איבער ליפל ווי קערשעלע,
א בוים פארפלאנצט ביי אלע שבעה־ימים,
איבער א סעגאלאוויטש און הערשעלע.

א די לעגענדע נעמען צו דערציילן,
פאפיר ס'וועט אויספעלן און טינט און פעדער:
נישט נאר קיין ניו־יארק „די פוילישע וועלדער",
ווו נישט מיטגעגאַנגען היימישע סעדער.

אז צומאל מיינע שמאלע ד' אמות,
אויסצוטרעכן אין אינזל־זאַמד ווייטשעפל,
קודם־כל קנאָכיק קנאַספּיק ביימל פארפלאַנצט,
מיט רויט־צעשמעקטע שמחת־תורה־עפל.

און אז וועדעמדיק אפשר און פארפוילט שוין,
אבער עס פארפלאַצט זיך דאך א קערעלע;
אז דעם רעגן און דעם טוי זאפּט איין דער זאמד,
אבער ווען פון אויג עס פאַלט א טרערעלע . . .

צומאָל אין בערלין אונטער נאצי־שטייוול,
געדבקעט מיינע „פון דער היים"־געזאנגען,

2

צו די העלדן

אוויפיל קדושים די העלדן צו דערטראגן,
א גאלגאטא דעם הימל שוין צו דערגרייכן ;
עס לעשט זיך די לבנה, די שטערן בלייכן,
ווען זון גייט אויף אין בלוט־טריפנדיקע פארטאגן.

ווארים ווער וואגט נאך באווייגען, ווער צו קלאגן,
ביי אזא העלדישקייט וואס נישטא זיינס גלייכן ?
פונם גן־עדן ארויס שטראמען פיר טייכן,
בלוט־טייך פון געטא אלע פיר טוט איבעריאגן.

דער שטורעם־לויף פון זיינע ברויזנדיקע וועלן,
ווען איינע דער אנדערער דעם וועג טוט פארשטעלן,
אזוי דער הימנען פון די העלדן אויפגעזונגען ;
דאס ברענענדיקע געטא פון אלע פיר זייטן,
קנאקעדיק, פונקן־שפריצנדיק, הילכיק באגלייטן —
צום זיבטן הימל ארויף פלאמען די צונגען.

## אויפן גענשער בית-עולם

1

דעם טומל פון נאלעווקעס, פראנציסקאנער,
אויף גענשער בית עולם היינט קאן מען אים זען,
מיין גרויס נס, וואס אין יידישן ווארשע,
קיינמאל אין מיין לעבן פריער נישט געוועז.

וואונדערלעך, ווארשע אין פרילינג געמוזט זיין,
אין זאקסישן גארטן פרץ שפאצירט האט
פארן אייזערנעם טויער טיף אויף א הויף,
„האנ—דעל, האנ—דעל״, צעשמועס זיך א ייד מיט גאט.

און פונם פאוויאק, פון צווישן די גראטעס,
גיסט זיך אזוי הארציק א סמוטנע־זיס ליד,
ביי דער ווייסל בויגט זיך א ייד, וואשט די הענט,
מאכט א ברכה איבער בעז־בוים, וואס שטייט צעבליט.

ס׳צעיאכמערן אין דער סמאטשע־גאס־סאלע,
צו באדעקנס, אזוי אויסגעזען דא היינט,
פייגעלע אויף בוים, איבער דער מצבה,
ס׳פייפיאל־כלי־זמרל, ווען כלה זיך צעוויינט.



פאווע גאס, זשעלאזנע, די טלאמאצקע,
וואס כ׳האב זיי קיינמאל נישט געזען, מיין גרויס נס —
צווישן די קברים איצט ארומדרייענדיק,
אויף בית־עולם, ס׳וואלט געבליבן נאך א מת.

2

אויב אויף אונזערע בית־עולמ׳ס — יארמערק,
ווען עס קומען די הייליקע וואכן,
גענשער, אין די ימים־נוראים־טעג —
א יריד, די נשמה אויסצופאכן.

קרום־הויקערדיק, קאסאקא־שיקלדיק,
איין אויג מערב־פארגלאצט, איינס — אין צפון,
צווישן די קאליקעס, האנט־אויסגעשטרעקט,
אויף עולם־אמת כ׳בין אנגעלאפן.

צום ציידנס אוהל אן אייניקל לויפט,
ווי די ליכט אין האנט צי אויגן ברענען,
זיי טריפן, זיי שמעלצן, ער זיכט נעבעך —
א צענטן, קדיש צו זאגן קענען.

יענער, אויף יענקי־פאן אנגעדודלט,
אלע שבעה ימים דורכגעשוווּמען ;
„סערוויס״ צו מאכן אזש א „מיניסטער״,
מיט עם־פיס פון לאנדאן אנגעקומען —

„אל מלא רחמים״ ! אויף הימל א יריד,
ער פלאצט אויף — א ווייבער שול אין טרערן :
ווײ, אז ווי זיי זאלן זיך נישט ציקלען,
אמתע „מלא׳ס״ מער דא נישט הערן . . .

3

(ביי פרצעס מצבה)

ספרד׳ן און אלע חברים־שרייבער אין פוילן

נישט פאר א רבינ׳ס אן אוהל — פרץ,
פאר דיין מצבה געבויגן כ׳בלייב שטיין ;
„חמדת שלמה״, ר׳ שעיהלע פראגער,—
ווי אומשטערבלעך גרויס זיי זאלן נישט זיין,

דער גרעסטער פון שטאט דא, בלייבן וועסט דו,
וואונדערלעך געוואלטיק, קוים צו פארשטיין ;
זיי, פשט צו פסוקים, פשטלדיק געשריבן,
דו — ממעמקים, פסוקים אליין.

נאך האַלבע נאכט, שטייענדיק איבער איר,
זיכער געהערט זאגן, „המפּל" — —
צו מיר זי רעדט נישט מער יידיש, כ׳הער
ווי זי כאָרכלט מיט גסיסה־צאַפּל —

וויפיל זיך געוואָרפן פון בריק אַראָפּ,
קיין אויסוועג נישט געקענט געפונען;
וויפיל ביי ברעג דאָ שטיינגעבליבענע,
פון מערדער נישט מער צו ענטרונען.

וויפיל יידיש בלוט איז דאָ גערונען,
קיין שליאַד אפילו נישט געבליבן,
און צו מאַמע ווייסל וויפל דיכטער,
לידער אין פראָסט יידיש געשריבן.

איז עס דאָס בלוט אונזערס? פאר זון אויפגיי?
וואַשט דער הימל די רויטע פענער,
זיי ארויסצוהענגען ווי ס׳ווערט נאר טאָג,
ווען א קריי־טון ס׳וועלן די הענער?

כ׳שטיי אויף דער בריק, איבער איר געלענדער,
א, וואס כ׳זע אצינד, דאס התגלות — — —
מיט איי שפּרונג, אזוי מיט קאפּ פאראויס,
און — א כוואַליע צווישן די כוואַליעס.

## דער קולטור-פּאלאַץ

פון וועלכער זייט מען קומט אן צוגיין,
אין וועלכער גאס מ׳דרייט זיך אריין,
מען זעט אים ווי ער שטייט, ער וואָרנט, ער וואַכט,
און אין מאַנעכער בלוטיקער מולד־נאכט,
האָרכט מען שטיל, ווי הילכיק הויך ער זיך צעלאַכט.

נאך פארן אריינקומען אין שטאָט,
פון ווייטנס אונז דערזען שוין ער האָט,
און איצט ביים פארלאָזן ער וואָרנט און וואַכט:
איר ווייסט שוין, וויסן איז טויט, אבער אויך מאַכט"!
א, עס האָט קיין איינער פון אונז נישט געלאַכט.

עס לויפט די קאַוטש, זיין בליק לויפט פאראויס:
„פון מיין האַנט ס׳רייסט זיך קיינער ארויס!
בלויז זייט זיכער, ווי לאַנג איך דא, ביי דער מאַכט,
פון אזוינס־אָ, וואס געשען, זייט איר באוואכט" — — —
דער שפּיץ, קוים מ׳זעט שוין, אין הימל זיך פאַרשטאַכט.



## וואַרשע עמבלעם

עס האָט יעטווידע שטאָט אַן עמבלעם,
א חותם איר מהות צו דערקלערן;
וואַרשע, א פרוי, א בעזעם אין האַנט,
די חזן גייט אויף, און זי — אין איין קערן.

דער אַש זאָל די שטאָט נישט פאַרשיטן,
סדום־ואמורה חלילה ווערן,
שאַריען, נאך איידער ס׳נעמט טאָגן,
שפּרענקלט זי די שטאָט מיט אירע טרערן.

דריי טעג אין וואַרשע, דריי באַגינענס,
וועל איך אמאל נאך דא ווידערקערן?
דאס אַש־שטויב אין מיין אויג, דאס ברענען,
קיינמאל מער שוין נישט קענען אויפהערן.

## טרעבלינקע

אַנגעקומען קיין טרעמבלינקע,
בין איך שוין געווען פאַרשטיינט.
קאָן מען פון שטיין ארויסציען וואסער?
אזוי פון מיין אויג א טרער.

ראַביי צערמאָניעס, רבנישע דרשות,
די רעקאָרדערס, די פאָטאָ־אַפּאַראַטן,
אלץ מיט אמאל אויפהערט,
שטילקייט און געוויין.

שטייען זיי אויף א בייז־וווּנדער,
שטייען זיי ווי די שטומע עדות,
שטייען זיי ווי די סאָסנעס ווייט־אַרום,
די גויים זונטיקדיק אָנגעטון?

מיטן אויסזען נאך פון א היימישן רב,
ווי אויף מעלעמער אן אויסגעדרייטער,
א דערשטיקטער אין מיטן העש אויפן קול —
א צעשאָרכטער דעמב אין שטורעם!

אַ באבע מיט צוויי שלאַקירטע קינדער
דרייט אלץ די קעפּלעך דער ראַבין זאָל זיי זען,
ווייל זי אים וויזן אַז זי האָט שוין אפּגעקומען?
וואַרט זי אויף א נס פון אים פאר אירע קינדער?

רעדט אין זיי אריין מיט אויגן פאַרגלייז,
און זיי גלאָצן גולמדיק גלויביק,

## יא, ס׳קאָן עפּעס פּאַסירן . . .

אין פּיעטראָקאָװ פון קאָוטוש אויף איין טאָג מיך אָפּגעריסן,
כ׳זאָל מיך נישט פאַרלירן א מענטשן מיר מיטגעגעבן,
און אַפנים אויך — צו זיין זיכערער מיט מיין לעבן.

װי נגידיש־יידיש אויף די גאַניקעס זיי זיצן,
װי היימישלעך זיי רעדן זיך איבער פאַר די טירן,
רציחיש ס׳קאָכט אין מיר ! יא, ס׳קאָן עפּעס פּאַסירן . . .

דער שלעפּ־צוג, געמיטלעך, פאָרט ער פאַרביי פאַר ראַדאָמסק,
דערקענט די סטאַציע, די אלעי, וואָס געפירט צום רבין ;
יאָ, א נס וואָס מען האָט מיר א מענטשן מיטגעגעבן.

„שלום נעמען" איך וואָלט פונעם צוג אַראָפּגעשפּרינגען !
פריער נאָך אין מקווה מיך געוויטעט מיטן בעדער — —
יענקל׳ס אכסניא, ארויס צו די פעלדער, די סעדער — —

„די גרינע שטוב" — — אויפן ציון פון „כנסת יחזקאל",
פון, חסד לאברהם", פון „תפארת שלמה" געגאַנגען — — —
„וואָס איז אייך, וואָס פעלט אייך, אפשר עפּעס אייך דערלאַנגען" ?

א גרויסן דאַנק — וואָס מ׳האָט מיר א מענטשן מיטגעגעבן !
אָנגעקומען, אליין זיכער נישט געווען דערקליבן ;
דאָס נאָטיצל אין טאָג־בוך אויך נאָך אריינגעשריבן.

טשענסטאָכאָוו, זונטיק 21׳סטער אַפּריל, האַלב זיבן.

## אין מיין טאַטנס שטאָט, אין טשענסטאָכאָוו

1

צו די חורבות פון די יידישע געסלעך,
פאַרביי צעקלינגטן קלויסטער געפירט ס׳האָט דער וועג,
„שקץ שקצנו", פאַרצערט אויפגעציטערט :
„וויפיל קינדער געראַטעוועט אין יענע טעג" ?

א מין קדושה פאַר „כל־נדרי"־שקועה,
אַרומגענומען ווי געשטאַנען ס׳איז די שיל,
ס׳האַרץ אין מיר שמונה־עשרהדיק צעשאָקלט :
„אונטער חורבה דא באַגראָבן ווער ווייסט וויפיל" ?

נישט טרויער איז אויסגעגאָסן אויף דער שטאָט —
אין א פינסטערע מרה־שחורה איינגעהילט,
פון די פאַר יידן וואָס איבערגעבליבן,
פון די בליקן פון די גויים ארויסגעפילט.



רחמנות כ׳האָבן באַקומען אויף טאַטנס שטאָט,
ער איז דאָך תמיד געווען אַזוי שטאָלץ אויף איר.
מיך צעוויינט ווי א קינד, און פאַר גרויס בושה,
נישט באַרירט צומאָל די קלאַמקע פון אונזער טיר.

2

. . . דאָס נאַקעטדיקע, תאוהדיקע בלויז,
פון נאַנישן פּזאַלם־געזאַנג ארויס ;
ערשט ווען סאָפּעדיק דאָס קול פון מאַנאַך,
ביים לייענען דאָס קאַפּיטל פון תנ"ך —

ווי גרויליק געווען, ווידער ס׳קאָן געשען !
קיינמאָל א שקיעה אַזוי טיף געזען,
דער גאַנצער ארום אַזוי גרוי אין גרוי,
כ׳שטיי דרויסן ווי א פאַרשפּעטיקטער גוי.

און ווען ס׳המונישע קניען דערהערט,
דעם בעל־גוף־שווערן צופאַל צו דער ערד,
אין מיטן „פאַטער נאָסטער" כ׳בין אַוועק —
איבער מיין קאָפּ ווי א געשלייף פון העק.

גלין, גלאַן ! יאָגן מיך נאָך די קלויסטער גלעק,
איבערן בלינדן בעטלער, פון טויט־שרעק,
שיעור אַנידערגעפאַלן — טויט־פאַרשטאַרט,
ביי דער וואַנט, ווי א בלינדער מיך געשאַרט.

## אין מיין מאַמעס היים, אין טשעלאַדזש

1

ס׳בערגלדיקע וועגל ארויף צום זיידנס געסל,
איינגעפאַלן זעט עס אויס, געל, א מת אויסגעצויגן,
א שטיק פאַרמעט פון א צעריסענע יריעה,
די אותיות זיינען ברענענדיק אַוועק געפלויגן.

אן ערד־ציטערניש געווען, — כ׳זינק אלץ טיפער טיפער ! —
און נישט איבערגעבליבן פון שטעטל ס׳איז קיין איינער,
איז דאָס בערגלדיקע וועגל, ארויף צום זיידן,
אויסברוקירט מיט די אלע טויט־געלע, שאַרבן ביינער ? —

נישט איך גיי ארויף, נאָר איך זינק אלץ טיפער טיפער
ממעמקים באַגרייפן, וואָס דא איז געוועזן !
און איז עס א שטיק פון א פאַרברענטער יריעה,
געוואָלט איין וואָרט כאָטש געפינען צו קענען עס לעזן.

זע, יענס ווייסיקע בערל אויף קערמיס געגנבנט,
וואס מיט דער מאמען דעמלט געמוזט צוריקטראָגן —

נארישן בער מיט א פלעשל האניק געפאנגען,
זיינע שווערע לאפעס פארשפינען מיט נעצן,
געטאַנצט אויף די מערק מיט בלוט צעדראפעטע מאשקעס,
און היילק געגלאָצט די „מאטקע־באסקע“־געצן . . .

## א קאשמאר אויף זאגלעמביער וואקזאל

(באַלאַדע)

אויף וואקזאל, אין ווארטעזאל,
כ׳ווארט־ווי־דורך, ווילד־וויסטע נאכט ;
א שוידער אין מיין געביין —
„אז מחמד קומט נישט צום בארג,
קומט בארג צום מחמד צו גיין“ :

ערשט וואלד־וואלקנדיקער קאפּ,
זיין ברענענדיק אינגעווייד,
צום סוף זיין פארקוילט געביין ;
און מיט זיין מינדסטן קנעכל
קלאַפּט ער אין דער שויב אַריין :

— אז עלטערזיידנס אוהל,
אין בענדין נישטאָ איז מער,
אבער דער באַרג, זיין געביין — — —
— זיידנס בערגל נישט געקענט־,
עלטער־זיידנס בארג, דערגיין ?

— ווו איז ער, דער יחזקאל,
לעבעדיק צו מאַכן אונז ?
פארוואָס קומט ער נישט צו גיין ?
— פון איש שטויב קאָן ער נישט,
מוז כאטש האבן גאנץ געביין — — —

בין איך נאס נאך פון רעגן,
צי שוין פון זיבטן שוויס ?
דזשימיע איך ? שלאף איך שוין איין ?
ס׳רויש־געטריף אויף די שויבן,
א טרעשטש גייט דורך מיין געביין :

— ווייס געגוי, פון שאָפּעניץ,
גלייך קיין אשוויץ־בערקענאו,



און פונקטלעך מ׳מוז דארטן זיין !
אפגעציילט יעדער נפש,
און גלייך אין אויוון אריין — — —

— און נישט נאר זיידנס בערגל,
עלטער־זיידנס גרויסן בארג !
ס׳זעקל ביינער — מיין געביין — — —
פאטערלעך וועקט מיך א האנט :
„קומט, עס איז, שוין צייט צו גיין“.

און וואלד־וואלקנדיקער קאפּ, —
א נעפלדיק צערויכטער,
בלוטיקט וווּנד אין זון אויפגיין —
שעפטשעט שטיל : שטעטס גייט דער וועג,
איבער אייגענעם געביין — — —

## די מעשה מיטן „קדושת לוי“

דער קלוב אין טשענסטאָכאָוו מיטן גרויסן פרץ בילד,
ס׳בית־המדרש אין סאָסנאָוויץ — אלץ וואס געבליבן !
האב איך מיך גאנצע נאכט א גילגול אויף כף־הקלע,
א דיבוק אריין אין א הונט, ארומגעטריבן.

די גרויסע פרץ־אויגן האבן מיך באגלייט,
און די פולע ספרים־שענק אין בית־מדרש ווארטן,
כאטש נעמען און מיך אנידערזעצן ביים עק־טיש,
ווי אמאל אויף מיין פלאץ, אויפן באנק, אויפן האַרטן.

די צייט שטייט נישט, כ׳מוז זיין ביים „זאמל־פלאץ“ — ביי דער קאוטש.
זיין אין פוילן, און „כ׳בין אין אַשוויץ נישט געווען“ ?
קוים צייט נאך, א ש״ס־גמרא א בלעטער די טון, —
די צעקבייטשע רוקנס פון די ספרים צו לעזן.

איז וועלכעס ספר מיר אויסקלויבן, מיטצונעמען ?
דעם „קדושת לוי“ דערזען אין שאנק גאר אויבן — —
האָט ער נישט צו דין תורה גאט ארויסגערופן ?
יאָ, אשוויץ ס׳פלאץ דארט איצט, דעם משפט אנצוהויבן.

אזוי ר׳ לוי יצחקן, דעם בארדיטשעווער,
דעם אוהב ישראל, קיין אשוויץ מיטגענומען.
די הרוגים, די קדושים, די עדות — אויפן פלאץ,
דער תובעה איז דא, אבער גאט — נישט געקומען.

## די צוויי דאפאדיליעס אין אשוויץ

צוויי דאַפאָדיליעס, די פרוי מיט אָשוויץ־נומער,
יאָמערדיק א נידערגעלייגט ביי דער שוואַרצער וואַנט,
איינע פאַר איר טאַטן און איינע פאַר איר מאַן — —
ווייטער א וואָרט צו שרייבן, מאַכט ציטערן מיין האַנט.

די קרענץ, די רעדנער, אַלצדינג איז אויסגעלאָשן,
בציבור ס׳קדיש־זאָגן — א מורמלדיקער טייך!
מען הערט ווי ס׳פאַלן פון די אויגן די טרערן,
און ס׳הערט אַלץ נישט אויף פון דער פרוי דאָס יאָמער־געקייך.

צוריק פראַלט די פלאַמיקע זון פון דער שוואַרצער וואַנט,
די צוויי דאַפאָדיליעס ברענען ווי צוויי יאָרצייט־ליכט —
ס׳האָט זיך מיר געדאַכט א רגע, כ׳האָב גאָט געזען,
און אָנגעהויבן עס האָט זיך דאָס לעצטע געריכט.

אָבער אַלץ איז געוואָרן צוריק ווי געווען,
מען גייט ווייטער, פאַרלעך־ווייז, ווער ס׳רעדט שוין, ווער נאָך שווייגט;
פון פאַרנט, עס לאַכט ווער הויך אויף — עס איז די פרוי,
וואָס האָט די צוויי דאַפאָדיליעס אַנידערגעלייגט.

## „אשוויץ-מוזעאום“ . . .

מען האָט דאָך פריער אָפּגעשווירן,
איידער מען האָט פאַרגאַזט און פאַרברענט,
וואָלט מיין שוועסטער געוועזן אין אָשוויץ,
כ׳וואָלט אירע האָר זיכער דערקענט.

איך וואָלט דאָך געוועזן אַרויסגעשפּירט,
דעם דופט־ריח פון אירע שווערע צעפּ — —
א משוגענער הונט איך ניוכע,
אין קעלער־קאַמערס, אונטער די טרעפּ.

„מיינע הערן“ פון ווייט כ׳הער דעם „גייד“,
און די זאַך־דער־פון ווערט קלאָר און פּראָסט:
מ׳האָט וואַגאָנען האָר אַרויסגעפירט,
פאַר א מוזעאום ס׳ביסל געלאָזט . . .

נו, האָט עס מיך טאַקע באַרואיקט,
מיט אַלע „טוריסטן“ כ׳גיי אין טראַט:
אזא שרעק־קאַמער, ווי וואונדערלעך,
אפילו „מאדאם טוסו“ נישט האט . . .



## קוילן - באסיין שלעזיע - זאגלעמביע

געדיכטע וועלדער, צעבליטע סעדער,
מיט פייגל־געזאַנג, מיט געפלאַטער פון ראָבן,
טויזנט יאָריקע שרעק, פאַרגליווערטער,
מיט וואָרצל און שטאַם פאַרשאָטן און באַגראָבן.

פון היילן־שפּאַלטן, פון גריבער לעכער,
רייסן זיך ווי שטימע יללה־געשרייען —
ס׳קריצן רעדער זייערע טויזנט ציינער,
די קוילן מינעס, די אייזן־גיסערייען.

פון אָשוויץ אויף קויל פאַרברענטע ביינער
יאָגן מיך נאָך דאָ אויף די זאַגלעמביער וועגן:
„פאַר—וואָס? פאַר—ווען? מיר ווילן עס וויסן!“
מיט פלאַמען־צינגען האַלטן זיי אין איין פרעגן.

די קוימען אַרום קוקן אויף מיר שטום,
פינסטער די שלעזיש־פאַרויכטע הימלען זענען;
כ׳הויב אויף מיין בליק, א שטום־־פאַרחושכטן:
. . . אַז וויאַזוי זאָל איך עס ענטפערן קענען?

## דער קבלת-פנים אין קאטאוויץ

גאַנץ זאַגלעמביע זיך צונויפגעקומען,
אויפצונעמען די לאַנדאָנער געסט;
עס האָט זיך געשפּירט בענדינער אָטעם,
און דער סאָסנאָווצער ברייטער פאַרמעסט.

איין גערעטעוועטער עלקישער ייד,
אָקאָרשט פון וואַלד, פאַלט ער אַריין;
בדחיל־רחימא, חבריש־חשובדיק,
אויף פּאָעט זאַגלעמביער קומט צו גיין.

אין ערגעץ, נישט אין וואַרשע, נישט אין לאָדז
דערפילט אזוי דעם טעם פון דער היים —
גאָטס־אָטעם דאָ איז ברענענדיקע קויל,
נישט קאַלט־פאַרקנאָטן קופּקעלע ליים.

## ווראצלאוו

אַז די שטאָט ברעסלאַו הייסט ווראָצלאַוו אַצינד,
יעדן דייטש אין האַרץ מיט א מעסער א שניט;
„נקמה איז זיס“, ערשט איצט דאָ עס דערפילט!
„ווראָצ—לאַוו, ווראָצ—לאַוו, קערצט עס שטאָלץ אונטער מיינע שריט.

פאַרציִענדיק מיט גרויס הנאה, האָכט זיך אים:
פון קרעמאַטאָריע דער רויך גיט אים אין נאָז א שפאַר.

„הער ‚אבער׳ א מינכענער״ גיט ער א באַפעל,
און ווען דער שטאַם־גאַסט אונטער גלעזל איז,
זעצט זיך דער „הער אבער״ אַנידער ביי זיי טיש,
פּיקאָלאָס דערלאַנגען גלאָז נאָך גלאָז ביז —

דער עס־עס־קאָמענדאַנט און דער הער אבער־ריכטער,
צעזינגען זיך צוויי שטימיק ס׳„האָרסט וועסל ליד״,
און אַלע שטאַם־געסט אין גרענד־האָטעל רעסטאָראַנט,
שטייען שטראַם: „הייל היטלער״ — גליד ביי גליד.

מיט זיין דערלאַנג אינם גרענד־רעסטאָראַנט האָטעל,
איך האָב אים, דעם עס־עס־קאָמענדאַנט, דערקענט,
צו דערטאַפּן מיך ביים גאָרגל, צו דערשטיקן,
האָב איך געזען ווי ס׳ציטערן זיינע הענט.

דער הער ריכטער, אויבן ביי זיין שטאַמגאַסט־טישל,
דעם פּאַראַגראַף אויספּערטיקן ער מוז נאָר בלויז:
געזעץ איז געזעץ, אָרדענונג מוז זיין! דערוואָרגן,
ביסן אין האַלדז, קוים מ׳צרות כ׳בין אַרויס.

## אויף דער וואַך . . .

גרייט צום אויפמאַרש שטייט ווידער, דער לאַנץ־קנעכט,
א געפּאַנצערטער פון קאָפּ ביז צו די פיס;
דער בישאָף שטעקן, דער קרייץ אויפן דאָם —
אין שייד די שווערד, אין שינעל־אַרבל די שפּיז.

איין שפּרונג און ר׳איז אין בריסל און אין גענט,
אין אַמסטערדאַם, אין ליידן און אין פּאַריז;
גיט אים נאָר די אַטאָם־באָמב אין דער האַנט,
איז ער אין לאָנדאָן, אין ניו־יאָרק „איף יו פּליס״.

מיין גרוס פון צווייטער זייט, פון וווּ כ׳קום איצט:
אפשר איז דער טייל דאָרט נאָך נישט אַזוי זיס,
בלויז, דער רויט־אַרמייער קיין לייב־קנעכט מער —
שפּרונג־גרייט יעדע רגע ער שטייט אויף די פיס!

פּ.ס.
יאָ, ס׳איז פּאָניע דער זעלבער געבליבן,
ער לאָזט זיך שפּייען אין דער קאַשע, ביז, ביז — —
אבער, אַז ער לאָזט זיך מיט זיין פּיקע —
„נאַ־שטיק!״ א, אַז אַך און ווי שוין דעמלט איז.



## ס א נ ע ט

ווי אַזוי קאָן מען קוקן אויף די פינגער,
אַז די וועלט איז א געץ מיט טויזנט הענט,
און איין אַטאָם מאַכט פון איר אַן ענד?
אָדער, אפשר, ווער ווייסט, מאַכן גאָר יינגער?

ווייסן שוין דעם סוד יונגע ווערן גרינגער?
א, אין דעם ווערטער געוויש און קלאַנג געבלענד,
אַז צומאָל שוין הענט אין קייטן געפּענט,
אין אייגענעם בלוט ס׳טונקט די פּען דער זינגער —

— — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳צייל נישט נאָר מיינע ווערטער, כ׳צייל יעדן קלאַנג,
פאַרזשאַווערטע, פאַרלעגענע שוין פון לאַנג,
זוכ איך, ווי אָפּגעריבענע גאָלד־רענדלעך,
פּרוּוו דעם שיין, דעם „גראַד״ צי ר׳איז פול און ריין,
אבער צי קאָן איך זאָגן מיר אַליין,
אַז דעם אמת כ׳האָב אים געפינען, ענדלעך?

* * *

(צוריקגעקומענדיק צו אונזער ברעג)

1

. . . שוין צו זען דעם שטאָלצן קרייד־פעלדז פון דאָווער,
פאַר מיינע אויגן שטייט אַלץ — אשוויץ־טרעבלינקע;
כ׳הער ס׳אויסטערלישע געשריי פון גאַז־קאַמער
אָדער, איבער מיין קאָפּ די מעוועס, צי פלינקע?

וואָדקאַ־„תיקון״ — רבנים אין דער נאָזשיק־שול,
אין „אַמיקאַ״ פאַרבייסן קאַרפּן די לינקע;
טאַנץ מיט, כאַפּ אַריין א כוסה, א שטיק פיש,
ס׳איז די וועלט אַן אַנגעדרייטע קאַטערינקע.

2

אַז ווער עס דרייט די קאַטערינקע,
וואָס איז שוין דער גרויסער אונטערשיד?
שטענדיק ביים הענטל שטייט א קאַליקע,
און שפּילן שפּילט זי דאָס זעלבע ליד —

סיי ווי סיי דער ניגון דאָך אַ־ינער,
פון גאָט אַליין ער ווערט אָפּגעהיט;
דאָ איז דאָרט ס׳רייסט זיך אַרויס א וואָרט,
צומאָל מיט אונזער פּינטעלע ייד.

## מזל טוב!

א האַרציקן מזל־טוב **רות** און **מיכאל לידור** צו געבוירן ווערן פון זייער יינגעלע **גילעד**. אויך די באָבע־זיידן לילי און בר כוכבא נאַראָד, און עדית און יוסף לידור אין ישראל, ווינטשן מיר א סך גליק און פרייד צו זייער ערשטן אייניקל. ווי אויך רבקה נאַראָדיצקי אין ישראל צו איר פירטן אור־אייניקל.

לשון און לעבן

אונזער האַרציק מזל־טוב אונזערע פריינט, מלכה און גדליה **ליכטנשטיין**, צו דער חתונה פון זייער זון **סטענלי** מיט **בעטי** וואס קומט פאר דעם חודש. מיר ווינטשן אונזער פריינט א סך נחת און גליק. לשון און לעבן

**רות שניידער** (די טאכטער פון אביש און קלארע מייזל) און איר מאַן **טשארלי** צום געבורט פון זייער קינד, ווינטשן מיר א האַרציקן מזל־טוב.

לשון און לעבן

**א. מ. קייסער** איז זייט א לענגערע צייט נישט געזונט, מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה. לשון און לעבן

**רחל מירסקי**, וואס האט אן אפעראציע ווינטשן מיר א רפואה שלימה.
לשון און לעבן

**עמינואל געלער**, דער מענעדזשער פון דער נאַראָד דרוקעריי, האט געהאַט אן אומגליק מיט א קאַר און געפינט זיך אין שפיטאָל. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה. לשון און לעבן

מיר ווינטשן א רפואה שלימה פרוי **מילי ווייסגראז**.
פריינט פון יידיש לשון

**ח. נ. בענקוויטש**, צום ווערן א בן שמונים, ווינטשן מיר נאך לאנגע גוטע יאר — עד מאה ועשרים. פריינט פון יידיש

חבר **א. בלום** איז פארגאנגענעם חודש געווארן 80 יאר, ווינטשן מיר אריכות ימים, עד מאה ועשרים. פריינט פון יידיש לשון

---

מיר דריקן אויס אונזער טיפן צער צו אונזער פריינט **מייקלס**, צו טויט פון זיין געליבטע פרוי. ער זאל מער פון קיין צער נישט האבן. לשון און לעבן

צום טויט פון מיין פריינט דעם באקאנטן יידיש און העברעאישן שרייבער **שלמה אויערבאך** דריק איך אויס מיין גרויסן באדויער צום פארלוסט פון דער יידישער און העברעאישער קולטור. **גוסטע געפמאן**

מיין טיפן טרויער איבערן טויט פון מיין לערער און רבין **שלמה אויערבאך**. סעדי שעני

---

242

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטיר

נומער 8־7 (העפט 2־381) פיר און צוואנציקסטן יאָר יולי־אויג. 1963 לאָנדאָן


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :


„שומר ישראל, שומר שארית ישראל“, דער באל אין בערלין, וועגט, קאָנפוציוס און ליטיי־פא, „מימיני מיכאל ומשמאלי גבריאל“ ........ ** 1
דער תענית פון תשעה־באב (עסיי) ........ י. ריכטער 4
אין שפעטע שעה׳ן (ליד) ........ שמואל וואַהייט 6
דאַנק גאט פאר חלומות (פאָעמא) ........ עלע זילבערג 6
לעבן, א ליכטל, יאָרן, געדאַנק, מיין ציל (לידער) ........ יוסף לעפטוויטש 7
כהרף עין (ליד) ........ יהושע ריווין 9
מיין טאַטנס שטאָט (פראָזע) ווייטע לידער ........ א. נ. שטענצל 9
זומער וואקאציע אויף דער „ריוויערא“ (הומאָרעסקע) ........ משה בעקערמאַן 25
דער שוסטער (פאָעמא) ........ נאָרא יאַוואָרסקאַיאַ 25
א תפילה ........ סער באסיל הענדריקעס 28
דער סוד פון קוגל (דערציילונג) ........ מרדכי ריכלער 29
יוסף פרענקל — א בן ששים ........ ש. י. האַרענדאָרף 32
דער פאַרפיומא־ריח האָט געגעבן זיין שמוכט (אוגערקע־סעזאָן־סאַטירעס) ש. 34
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס
לאָנדאָן קולטור ידיעות


**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר


אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*